בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

ס"ח

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


אנשי הצדיק מסייעים לו לבנות בנינים....1
ההזדמנות של ימי אלול....3
אם אדונים אני איה מוראי....3
הפחד של ימי אלול בשנים קדמוניות....5
וגילו ברעדה....7
זכרון בעלמא דאתי....8
יפה שעה אחת בעולם הבא יותר מכל חיי העולם הזה....9
על ידי ישוב הדעת מתקרבין להשי"ת....10
די רפואה פון שער החמישים....12
תשובה איז בושה....13
השתוקקות להשי"ת תלוי בשמירת הברית....14
איינ'חזר'ן די גרויסקייט פון רבי'נס ספרים....14
ר' פייוול-אשרינו....16
דורך השכלה גליטשט מען זיך אויס אינגאנצן....17
א יונגערמאן דארף שרייען און שרייען....19
אז מען איז נישט מבין דבר מתוך דבר קען עס זיין א קאמעדיע....19
ריכטיגע ריקודים - נשא לבו את רגליו....20
סוכה – תפילה בכח....23
דער לעצטער קלויז אין אומאן....24
פשוט פשט - שאקלען מיט די פיאות....25


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 68**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת כי תצא (א), שנת תשל"ה

(טייפ מס' 99#)

## אנשי הצדיק מסייעים לו לבנות בנינים

(חסרה ההתחלה)

...און וואס ער טוט דארף ער - אלעם טראגן צום צדיק, אבער ער זאל זעהן אז דער כלי זַיין זאל זיין וואס בעסער, איך זאל זיך נישט פארלאזן - איך בין שוין ביים צדיק איז דאך שוין גוט, וואס דארף איך נאך? ניין! דער כלי זיין זאל זיין וואס א בעסערער כלי זיין!

עס שטייט טאקע אין חיי מוהר"ן[א'] דער רבי האט זיך באנוצט פאר עפעס א זאך - א השגה האט ער משיג געווען - דורך אן עבודה פון זיינער א מענטשן - האט ער משיג געווען די השגה!

(ר' נחמן בורשטיין: ר' חיים שרה'ס איז דאס געווען!) יא.

האט דער רבי געזאגט (שם):, "(איז דען) א חידוש וואס דער בעל שם (האט משיג געווען אזויפיל) – ער האט געהאט אזא חברייא, אזעלכע שישים גבורים"[ב']. זעהען מיר דאך ארויס, אז מיט אלעם דארף מען זיך מקשר זיין צום צדיק, און דער צדיק וויל ווייטער

[א'] אות של"ו וז"ל: סִפֵּר עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ וְאָמַר שֶׁזֶּה יוֹם שְׁלִישִׁי שֶׁעָמַד עַל דָּבָר אֶחָד, הַיְנוּ עַל אֵיזֶה הַשָּׂגָה וְלֹא הָיִיתִי יָכוֹל לְהַשִּׂיגָהּ עַד שֶׁהִשְׁתַּמַּשְׁתִּי בְּאֵיזֶה עֲבֹדָא מֵאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְעַל יְדֵי זֶה עָמַדְתִּי עַל הַדָּבָר וְהִשַּׂגְתִּי הַהַשָּׂגָה. וְכִי יֵשׁ חִדּוּשׁ שׁוּב עַל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁהִשִּׂיג הַשָּׂגוֹת כָּאֵלּוּ מֵאַחַר שֶׁהָיוּ לוֹ תַּלְמִידִים גְּדוֹלִים וְצַדִּיקִים כָּאֵלֶּה שֶׁעָשׂוּ עֲבֹדוֹת גְּדוֹלוֹת כָּאֵלֶּה.

[ב'] ראה בחיי מוהר"ן - אות קס"ג: בַּדֶּרֶךְ בִּקְהִלַּת לַאדִיזִין דִּבֵּר עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ שֶׁיֵּשׁ שָׁם, שֶׁהוּא מֻכְרָח לְהִסְתַּלֵּק וְדִבֵּר עִמָּהֶם גַּם כֵּן מֵעִנְיַן הַשִּׁשִּׁים גִּבּוֹרִים שֶׁהוּא צָרִיךְ, וּלְהַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיוּ לוֹ שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים. וּבְוַדַּאי יִגְדְּלוּ וְיִהְיוּ מֵאַנְשֵׁי שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים אֲבָל עֲדַיִן הֵם בְּנֵי הַנְּעוּרִים וְרַכִּים בַּשָּׁנִים וְהַמִּלְחָמָה כְּבֵדָה וַחֲזָקָה עֲלֵיהֶם מְאֹד, וְאֵין לִי עַל מִי לְהִשָּׁעֵן וְכוּ':

פון יעדן איינעם, מען זאל אים עפעס געבן, גיב מיר עפעס! גיב מיר וואפנע איך וועל שוין בויען פון דעם בנינים!

מיר קענען נישט בויען קיין בנינים, אבער צוגרייטן וואפנע מיט ציגל דארפן מיר יא צוגרייטן, וואפנע הייסט טיט, ליים, דאס דארף מען יא טאן, מיר דארפן צוגרייטן, בנינים בויעט טאקע דער צדיק, אבער מיר דארפן צוגרייטן וואפנע מיט ציגל[ג׳].

מען האט דערציילט, עס איז געווען אמאל ערב ראש השנה, ר׳ זלמן דער רב, מעדוועדיווקער רב, איידער ער איז געגאנגען אויפן ציון האט ער געענדיגט דעם ש"ך, ער איז געווען א גרויסער גאון, האט ער געענדיגט דעם ש"ך און איז געגאנגען אויפ'ן ציון. (ווען) מען האט אים געפרעגט, זאגט ער, איך וויל ברענגען צום רבי'ן נאך עפעס! נאך עפעס!

דאס איז אלץ כוחות צו ווייזן אז דער צדיק וויל - גיט מיר וואס מער! גיט מיר וואפנע מיט ציגל! און איך וועל שוין בויען בנינים, כאטש בויען בויעט ער – (און) ער איז דאך א רחמן פאר אלע אידן, אבער דער וואס האט טאקע מער חלק - דער איז אוודאי מער - נעמט ער מער.

א לשון פון זוהר איז דא[ד׳], קעגן שבועות דארטן, מיט די נאכט וואס מען איז אויף, גיט מען דארטן דורונות צו דער מלכה, צו די כלה, און צומארגנס אלע אידן זענען דאך מקבל די תורה, אבער די וואס זענען טאקע אויף געווען, זיי האבן געגעבן אזעלכע דרונות, זיי זענען - -

---

[ג׳] עי׳ בחיי מוהר"ן אות רצ"ג: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת, אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים (כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה׳ בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה) אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶועֶ דֶער פוּן בִּנְיָנִים (וּמַשָּׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה).

[ד׳] ח"ג צ"ח ע"א: רַבִּי שִׁמְעוֹן הָכִי אָמַר, בְּשַׁעֲתָא דְּמִתְכַּנְּשֵׁי חַבְרַיָּיא בְּהַאי לֵילְיָא לְגַבֵּיהּ, נֵיתֵי לְתַקְּנָא תַּכְשִׁיטֵי כַּלָּה, בְּגִין דְּתִשְׁתְּכַח לְמָחָר בְּתַכְשִׁיטָהָא, וְתִקּוּנָהָא, לְגַבֵּי מַלְכָּא כַּדְקָא יָאוּת. זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן דְּחַבְרַיָּיא, כַּד יִתְבַּע מַלְכָּא לְמַטְרוֹנִיתָא, מַאן תַּקִּין תַּכְשִׁיטָהָא, וְאַנְהִיר עַטְרָהָא, וְשַׁוֵּי תִּקּוּנָהָא. וְלֵית לָךְ בְּעָלְמָא, מַאן דְּיָדַע לְתַקְּנָא תַּכְשִׁיטֵי כַּלָּה, אֶלָּא חַבְרַיָּיא, זַכָּאָה חוּלָקֵיהוֹן בְּעָלְמָא דֵּין וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי.

אם כן - אויב מיר ווילן זאגן אז התקשרות צום צדיק דאס איז עס אינגאנצן, וואס איז א נפקא מינה פון א גרעסערער תלמיד (אדער) א קלענערער תלמיד? זיי האבן התקשרות און פארטיג! דער גרעסטער דארף אויך האבן התקשרות, אבער דער חילוק איז, דער מענטש אליין וואס ער איז, וואס ער טוט!

## ההזדמנות של ימי אלול

איי איי, ווען מען זאל וויסן וואס עס הייסט אלול, און וואס עס הייסט ראש השנה וואלט מען אנדערש דעם אלול פארברענגט, אנדערש - נישט אפגעלאזט דעם אלול. דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אידן, ער האט זיי געשענקט ימי רצון, ער האט זיי געשענקט פריער די ימי רצון, א חודש אלול - ימי רצון! א רחמנות פונעם אויבערשטן! וואס איז די ימי רצון? (אין די) ימי רצון קען מען באגליקן צו מאכן גוטע מסחרים אויך, אז עס איז ימי רצון, אז איך וועל מאכן א מסחר, וועל איך אויך מצליח זיין אין דעם חודש, מער ווי אן אנדערן חודש, דארף מען (אבער) האבן שכל אויף וואס זאל איך אויסנוצן די ימי רצון! אויף וואס? עס האט איינער אמאל געבעטן, רבוש"ע - דו ווילסט מיר געבן פרנסה – גיב מיר נישט חודש אלול, גיב מיר נישט פרייטאג, פרנסה וויל איך אויף אנדערע (טעג). דעמאלט איז געווען פרנסה - געקלאפט אין קאפ, גיב מיר נישט - נישט אלול און גיב מיר נישט פרייטאג, גיב מיר א גאנצע וואך, גיב מיר א גאנץ יאר, פונקט דעם חודש אלול?! פרנסה - פארדרייט, פארדרייט, אז איך וועל אינזין האבן די פרנסה וועט אוועק גיין דער אלול, און אזוי אויך פרייטאג, פרייטאג איז אויך א טאג פון תשובה[ה].

## אם אדונים אני איה מוראי

איי איי איי, די פראסטע אמונה, אמונה אמונה! תשובה תפילה וצדקה - דער אויבערשטער דארף זעהן פון דעם מענטשן אז דער מענטש האט מורא, ער שרעקט זיך, ער האט מורא, ער ווייס, ער גלויבט אז עס איז א יום הדין.

[ה] ראה יקרא דשבתא תורה ד' וז"ל: מבואר בספרים קדושים שצריכין להרבות מאד בתשובה ובווידויים ותחנונים הרבה בערב שבת בכדי לתקן מה שפגם בחול ולזכות ולכנוס בשלימות לקדושת שבת, וכן בתורה ו' ובתורה ק"ט ובנחת השלחן או"ח סימן ר"נ

מען זעהט דאך די אלע מאורעות וואס טוען זיך אפ דורכ'ן יאר, מען זעהט דאך ווי עס גייען אוועק מענטשן, עס טוט זיך עפעס אפ צווישן אידן, און דאס איז אלץ אנגעשריבן געווארן אום ראש השנה, און "תשובה תפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה", דארף מען דאך וויסן צו עס איז דא 'די' תשובה! און 'די' תפילה, און 'די' צדקה, צו עס איז דא וואס ס'איז מעבירין את רוע הגזירה!

על כל פנים דארף מען זעהן דער חודש אלול זאל זיין ביי מיר עפעס א שינוי, א שינוי אין אלע ענינים, צו ווייזן אז איך גלויב אז ס'איז דא א ראש השנה! (אז) איך האב מורא פאר דעם ראש השנה! דערפאר פיר איך זיך אנדערש, אין אלע ענינים.

אבער אז ביי מיר איז דער חודש פונקט אזוי ווי אלע חדשים, קומט אויס אז ער האט גאר קיין מורא נישט פאר'ן יום הדין, ער האט גארנישט קיין מורא, ער פריידט זיך, ער שפרינגט, ער האט גארנישט קיין מורא. מען דארף דעם חודש אויך זיין פרייליך, די שמחה איז אויך כדי איך זאל קענען דאווענען און לערנען, אבער דער מענטש דארף וויסן - ער האט מורא, דאס איז דער מליץ יושר זיינער, וואס ער האט מורא פאר'ן יום הדין, דערפאר פירט ער זיך אנדערש, און איז מרבה אין תורה ותפילה מער, ער היט מער די צייט, ער האט טאקע התקשרות צו דעם צדיק!

רבי יוחנן בן זכאי האט געזאגט צו די תלמידים זיינע, יהי מורא שמים כמורא בשר ודם, אמרו לו: רבי ותו לא? האט ער געזאגט, הלוואי הלוואי[ו].

לאמיר זעהן (ווען) איינער האט עפעס א משפט פלילי (קרימינאל קעים) - וויפיל איז דא נאך צו ראש השנה? עס איז שוין היינט זיבן טעג (אין אלול), (פון) מארגן, דריי וואכן ארום איז שוין ערב ר"ה, - ער האט עפעס א משפט פלילי, א משפט פלילי טאקע וואס נישט נאר מען קען אים געבן תפיסה, (נאר מען קען אים געבן) נאך ערגערס פון תפיסה,

---

[ו] ברכות כ"ח ע"ב: וכשחלה רבי יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו וכו' אמרו לו רבינו ברכנו אמר להם יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם אמרו לו תלמידיו עד כאן אמר להם ולואי תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם.

וועט ער דעמאלט זאגן איך מוז דאך שלאפן, איך מוז דאך עסן, איך האב נישט קיין כח?![ז]

(ער טוט נישט אזוי, נאר) ער שלאפט נישט און ער עסט נישט,ער לויפט, ער טוט אלע מיני זאכענישן, ער דארף האבן עפעס א גוטן עורך דין (לאיער), וואס ער הייסט זיך געבן דארטן א גרויסע סומע געלט, און (אז) ער האט נישט, האבן אידן רחמנות אויף אים, און ער לויפט און טוט, ער נעמט צונויף די סומע געלד, ער נעמט א גוטן עורך דין, ער ווייס אז ער האט אויף זיך א משפט פלילי, און דער מענטש אליין קען עפעס רוהען?! דאס הייסט אמונה פשוטה וואס אידן דארפן האבן אמונה, די אמונה פעלט דאך אונז, מיר האבן דאך נישט די אמונה, מיר זאלן האבן די אמונה פשוטה וואס אידן האבן געהאט – וואס עס הייסט 'יום הדין'!

דער אויבערשטער איז דאך א בוחן לבות, דער אויבערשטער ווייס דאך, ער איז א בוחן לבות, נו - דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן, אוודאי דארף מען האבן גרויס רחמים מען זאל טאקע פילן די זאך, מען זאל פילן וואס עס הייסט די הייליגע טעג.

(רנ"ב: 'שופר', דער רבי האט דערציילט, די טאכטער, זי האט זיך דערשראקן פון דעם שופר[ח]!) יא יא,

# הפחד של ימי אלול בשנים קדמוניות

אמאל איז געווען אפילו ביי פראסטע מענטשן, איז די אמונה פשוטה געווען געוואלדיג גרויס, אז עס זענען געקומען די הייליגע טעג, דער אלול, האט זיך דערפון געגאסן טרערן, ס'איז געווען א רעש, א טומל! און עס האט זיך (פון זיך) אליין אויפגעהויבן בייגאכט, עס האט זיך (פון זיך) אליין (געווען פארנומען) מיט'ן תהלים, און מיט'ן - - עס האט נישט אפגעלאזט, עס האט זיך געקאכט, עס האט גערודערט, עס

---

[ז] כמ"ש מוהרנ"ת במכתב יום א' שופטים תקצ"ה: וְהִנֵּה יְמֵי הַמִּשְׁפָּט וְהַדִּין הַגָּדוֹל שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין וּכְבָר בֵּרְכוּ רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל וּצְרִיכִין לִרְעֹד וְלִפְחֹד מְאֹד מִמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁנּוֹגֵעַ לְחַיִּים נִצְחִיִּים וְאִי אֶפְשָׁר לְשַׁחֵד בְּמָמוֹן וּלְפַיֵּס בִּדְבָרִים, וְכָל פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁעָלַי שֶׁיֵּשׁ לָנוּ עַתָּה הוּא כְּדֵי לִזְכֹּר וְלֹא לִשְׁכֹּחַ פַּחַד הַמִּשְׁפָּט שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁל יוֹם הַדִּין הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא.

[ח] חיי מוהר"ן אות ל"ט: כִּי הַיּוֹם הַזֶּה אֲחָזַנִי סֵמֶר וּרְעָדָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁשָּׁמַעְתִּי קוֹל הַשּׁוֹפָר וְכוּ' וְאַחַר כָּךְ בָּאָה אֵלַי בִּתִּי אָדֶל וְאָמְרָה אָבִי בְּשָׂרִי סָמַר וּפָחַד לִבִּי עָלַי מִקּוֹל הַשּׁוֹפָר שֶׁשָּׁמַעְתִּי עַתָּה. וְרָאִיתִי זֹאת שֶׁעַל יְדֵי שֶׁלֵּב הָאָב נִתְעוֹרֵר, נִתְעוֹרֵר גַּם לְבַב הַטִּפּוֹת שֶׁנִּמְשְׁכוּ מִמֶּנּוּ יְלָדָיו מַמָּשׁ וכו'.

איז געווען עפעס די אמונה פשוטה איז געווען זייער גערוואלדיג גרויס. דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"א,[ט'] דורך ברית איז די אמונה שטארק, 'בריתי נאמנת לו'[י'], אבער פונדעסטוועגן זאגט דער רבי פארט[י"א] 'אודיע אמונתך בפי', אז מען רעדט ארויס מיטן מויל, איך גלויב! איך גלויב!

אסאך איינ'חזר'ן זיך, דעם יום הדין, מיט די זאכענישן, איך גלויב! אין מרה שחורה - טאר מען נישט ווערן, אבער יראה, און מרה שחורה דאס איז דער היפך, מרה שחורה איז דער היפך פון יראה! אויפ'ן מענטשן זאל ווערן עפעס א ריח פון יראה, עפעס א - - - עס גייט דאך ראש השנה!

מען זאגט דאך נאך פון ר' ברוך'לען (ממעזשיבוש), רבי ברוך האט אזוי געזאגט, דיוועלט (פירט זיך) אז עס קומט פאר פסח, שטאפט מען קאטשקעס מיט גענז, און מען גרייט זיך צו אויף פסח (מיט) אזויפיל מאכלים מיט אלעם, און (ווען) עס קומט פאר ראש השנה פאסט מען. מען זאל טאן פארקערט, אז עס קומט גאר פאר פסח דעמאלט דארף מען מרבה זיין בתשובה, (כדי) מען זאל ניצול ווערן פון א משהו חמץ, וואלט מען דאך א גאנץ יאר נישט געזינדיגט[י"ב], וואלט מען געקענט פאר ראש השנה שטאפן גענז מיט קאטשקעס, ווייל מען איז דאך מובטח אז מען וועט א גאנץ יאר נישט זינדיגן, און ער האט איינגעטייטשט דעם פסוק 'ועבדת את העבודה ה'זאת' 'בחודש הזה'[י"ג], בחודש הזה מיינט מען ניסן, עבודה ה'זאת' איז דאך יום כיפור און ראש השנה, די עבודה פון 'זאת' זאלסטו טאן אין ניסן, אין ניסן זאלסטו טאן די עבודה וואס מען טוט דעמאלט, (רנ"ב: 'ב'זאת' יבוא אהרן'[י"ד]) יא.

---

[ט'] וז"ל: דַע שֶׁאֵין קִיּוּם אֱמוּנָה אֶלָּא עַל יְדֵי בְּחִינוֹת בְּרִית, בִּבְחִינוֹת (תְּהִלִּים פ"ט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ.

[י'] תהלים פט, כט.

[י"א] תורה מד ח"ב, וז"ל:הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם, בִּבְחִינַת: "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי" (תְּהִלִּים פ"ט). הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה.

[י"ב] בבאר היטב (או"ח סי' תמ"ז ס"ק ב') הביא בשם האר"י הק', דהנזהר ממשהו חמץ בפסח מובטח לו שלא יחטא כל השנה.

[י"ג] שמות יג, ה.

[י"ד] ויקרא טז, ג.

אבער מיר האבן דאך אין דעם 'חודש הזה' - (ניסן) נישט אזוי פיל מרבה געווען, דארף מען טאקע זעהן איצטער טאן טאקע מער.

דער רבי האט א זאג געגעבן[ט"ו], ביי די וועלט איז אמונה (א דבר קטן) ביי מיר איז אמונה - (א דבר גדול) אן אמונה פשוטה, האבן אן אמונה אז עס גייט ראש השנה! עס גייט ראש השנה - בפשיטות – בראש השנה יכתבון, (וביום צום כיפור) יחתמון, ותשובה ותפילה מעבירין (את רוע הגזירה), דארף איך וויסן צו איך האב א תשובה? על כל פנים דארף מען דאך עפעס מורא האבן פאר דער זאך, מאכן א שינוי אין דער גאנצער פירעכטס! מען זאל זעהן מלמעלה אז ער שרעקט זיך, ער האט מורא! מען זעהט דאך אז ער פירט זיך אנדערש! ער היט מער די צייט, און איז מער מרבה בתורה ותפילה!

# וגילו ברעדה

דאס איז א געוואלדיגע בקיאות, דער רבי רעדט דאך אין דער תורה פון 'קרא את יהושע',[ט"ז] א מענטש דארף האבן יראה, "אשרי אדם מפחד תמיד"[י"ז], און מרה שחורה'דיג טאר מען נישט זיין, אדרבה מען דארף זיך שטארקן אין שמחה – און פארט האבן יראה, וגילו ברעדה![י"ח] די ביידע מוזן זיין צוזאמען, עס איז א לשון פון זוהר הק':[י"ט] "כל רחימותא דלא קשיר עמה קנאה, לאו רחימותא רחימא "! אהבה אן יראה איז נישט קיין אהבה, דאס מוז זיין ביידע צוזאמען, שמחה מוז האבן יראה, און אז נישט – ולשמחה מה זו עושה[כ']?! יראה ווייטער - מוז האבן שמחה! פון יראה אליין קען מען אריינפאלן אין מרה שחורה! מוז מען צונויף נעמען די ביידע צוזאמען.

---

[ט"ו] שיחות הר"ן אות ל"ג.

[ט"ז] תורה ו'.

[י"ז] משלי כח, יד

[י"ח] תהלים ב,יד

[י"ט] ח"א רמ"ה ע"א, הובא בליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ל"ב.

[כ'] קהלת ב, ב.

# זכרון בעלמא דאתי

אוודאי, 'מדי דברי בו זכור אזכרנו'[כ"א] אז מען רעדט מער, סיי (אז ווען) מען קומט זיך צונויף רעדט מען מער, סיי פאר'ן אויבערשטן אליין רעדט מען מערער, איז 'זכור אזכרנו' געדענקט מען טאקע מערער! דער רבי זאגט אין תורה ז', אין די השמטות דארטן: 'תפילה מסוגל לזכרון', תפילה איז מסוגל לזכרון, מיר רעדן דא פון דעם זכרון, זכרון בעלמא דאתי, צו זכרון - (יום הדין של ראש השנה!)

---"מען דארף זייער היטן דעם זכרון פון עלמא דאתי", זאגט דער רבי אין תורה נ"ד[כ"ב], עס זאל נישט זיין 'בדעתו' אז עס איז נאר דא איין וועלט. זאגט ווייטער דער רבי (שםכ"ג) אז שכחה איז מיתת הלב, 'נשכחתי כמת מלב', וואס הייסט מיתת הלב? וואס הייסט מיתת הגוף? דער גוף איז געשטארבן, (און) מען קען זיך נישט רירן, מען ליגט אן חיות, מיט א געלן פאטרעט. מיתת הלב איז דאך נישט אזוי, ער דרייט זיך ארום און אלעם, (אבער) אויב ער האט נישט דעם זכרון פון עלמא דאתי - זאגט דער רבי, דאס איז מיתת הלב, שכחה איז מיתת הלב.

און ווידער זאגט דער רבי (ליק"מ ח"ב תורה כ"ד) 'מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד', דא זאגט דער רבי אז מען דארף כסדר האבן דעם זכרון פון עלמא דאתי, אז נישט איז

---

[כ"א] ירמיה לא, יט. וז"ל רבינו בתורה ע"ח: כִּי מִדֵּי דַּבְּרִי בּוֹ זָכוֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד הַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הָאָדָם מֻנָּח, חַס וְשָׁלוֹם, בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ בְּשֵׁפֶל הַמַּדְרֵגָה מְאֹד, אֲפִלּוּ בִּמְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אַף עַל פִּי כֵן עַל יְדֵי הַדִּבּוּר יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. דְּהַיְנוּ, שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא, אִם יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר עַל כָּל פָּנִים דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲפִלּוּ שָׁם בַּמְּקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, כִּי הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִשְׁכֹּחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. בִּבְחִינוֹת: "כִּי מִדֵּי דַּבְּרִי בּוֹ זָכוֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד", שֶׁכָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ הַדִּבּוּר שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא הַדִּבּוּר דִּקְדֻשָּׁה, זֶה הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִהְיוֹת נִשְׁכָּח מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי הַדִּבּוּר זוֹכֵר וּמַזְכִּיר אוֹתוֹ לְהִתְחַזֵּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא. וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב

[כ"ב] וז"ל: כִּי צְרִיכִין לִשְׁמֹר מְאֹד אֶת הַזִּכָּרוֹן, שֶׁלֹּא יִפֹּל לְשִׁכְחָה, בְּחִינַת מִיתַת הַלֵּב. וְעִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְּאָתֵי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁאֵין עוֹלָם אֶלָּא אֶחָד.

[כ"ג] וז"ל: וּכְדֵי לִשְׁמֹר הַזִּכָּרוֹן הַנַּ"ל, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יִפֹּל לִבְחִינַת רַע עַיִן, לִבְחִינַת מִיתַת הַלֵּב. כִּי עִקַּר הַזִּכָּרוֹן תּוֹלֶה בָּעַיִן, בִּבְחִינַת (שְׁמוֹת י"ג): "וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ". כִּי הַשִּׁכְחָה בָּא עַל יְדֵי רַע עַיִן, עַל יְדֵי מִיתַת הַלֵּב, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל"א) "נִשְׁכַּחְתִּי כְּמֵת מִלֵּב". כִּי רַע עַיִן וּמִיתַת הַלֵּב הֵם בְּחִינָה אַחַת, כִּי שׁוּרְיָנָא דְּעַיְנָא בְּלִבָּא תַּלְיָא (כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֲבוֹדָה זָרָה כ"ח:).

מיתת הלב, און דא (זאגט ער), אז מען דארף זיין בשמחה תמיד. און מען געפינט ביי דוד המלך'ן אויך אזוי, שויתי ה' לנגדי תמיד[כ"ד], וחטאתי נגדי תמיד![כ"ה] אויך דיביידע זאכן, חטאתי נגדי תמיד - מיין חטא דארף זיין תמיד (קענן מיר) געדענקען דעם חטא, און שויתי ה' לנגדי תמיד, און די ביידע זענען נישט קיין סתירה. מוז מען זאגן אז עס קען זיין ביידע, אדרבה דער מענטש אז ער האט נישט אינזין דעם עלמא דאתי, קען ער גארנישט בשום אופן זיין פרייליך. אז ער האט נאר אינזין די וועלט - זאגט דער רבי (ליקו"מ בתרא סי' פ"ב) - היינט איז דאך כי תצא - דאס איז שלא כסדר, דער אויבערשטער איז 'כסדר', אבער די וועלט אליין איז שלא כסדר, אויב איך האב נישט אינזין דעם עלמא דאתי, האב איך דאך נישט אינזין דעם אויבערשטן, קען גארנישט זיין קיין שמחה, אדרבה - נישט אז עס איז סותר, אדרבה דער זכרון אין עלמא דאתי, דאס קען מיר ברענגען אז איך זאל טאקע קענען זיין כסדר פרייליך.

וואס איז עלמא דאתי? דאס מיינט דאך דעם תענוג פון עלמא דאתי, וואס דער רבי ברענגט דארט אין תורה י"ח, דער שעשוע עולם הבא וואס עס וועט זיין, בעלמא דאתי, דאס איז א תענוג וואס מען קען עס גארנישט אויסמאלן דעם תענוג, מען קען זיך גארנישט משער זיין דעם תענוג פון עלמא דאתי[כ"ו], און דער תענוג איז נאר (דורכדעם) וואס דער מענטש איז ממעט אין די תענוגים פון דער וועלט איז ער נענטער צו דעם תענוג.

# יפה שעה אחת בעולם הבא יותר מכל חיי העולם הזה

צו דעם תענוג וועלן אלע קומען, ווארום דאס איז דאך דער תכלית און דער סוף, פאר אלע אידן איז דאס דער תכלית און דער סוף[כ"ז], נאר וואס דען, אז מען האט נישט קיין שכל דא, מוז מען קומען צו זיכוך אחר זיכוך, און גילגול אחר גילגול, (ווייל) ער מוז קומען צו דעם תענוג! דאס איז דער סוף! אבער אז מען האט יא שכל – עס שטייט

[כ"ד] תהלים טז, ח.

[כ"ה] שם נא, ה.

[כ"ו] וז"ל: וְדַע, שֶׁהַתַּכְלִית שֶׁל הַבְּרִיאָה הוּא שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא. וְאִי אֶפְשָׁר לְקָרֵב זֹאת הַתַּכְלִית לְמַחְשְׁבוֹת בְּנֵי אָדָם, כִּי זֹאת הַתַּכְלִית עָלָיו נֶאֱמַר (יְשַׁעְיָהוּ סד, ג): "עַיִן לֹא רָאָתָה וְכוּ'".

[כ"ז] עיין ליק"מ תניינא תורה א'

פאר מיר אזא מין תענוג, און די תענוגים פון דער וועלט זענען דער היפך פון דעם תענוג, איז וואס דארף איך זיך ארײנלאזן אין די תענוגים (כדי) איך זאל נאכדעם דארפן האבן א זיכוך אחר זיכוך, ביז איך וועל קומען צו דעם תענוג, וואס מערער (איך האלט מיך צוריק פון תענוגים) - וועל איך זיין וואס נענטער! איך בין נישט אינגאנצן נאנט, אבער על כל פנים וואס נענטער! דארטן ווייסט מען דאך אז א 'שערה' איז אזוי חשוב, דער רבי רעדט אין דער תורה (ליקו"מ ח"ב תורה ז') פון 'כי מרחמם ינהגם' כי כל הזמן של כל העולם הזה כולו, מה שהיה ומה שיהיה, הוא כולו אין ואפס נגד יום אחד, **אפילו קעגן איין רגע פון עולם הבא!**

וואס איז איין רגע פון דארט? השגת אלקות! נישט אכילה נישט קיין שתיה נישט קיין שינה (איז) עולם הבא[כ"ח], נאר השגות אלקות, דער אויבערשטער איז אן אור אין סוף און איין רגע פון עולם הבא, די גאנצע וועלט מיט אלע אירע זאכענישן קעגן איין רגע, אה, אט דאס הייסט שעשוע עולם הבא, אזא מין תענוג איז דארטן דא אין עולם הבא, אז איין רגע דארטן איז בעסער ווי די גאנצע וועלט, דאס הייסט זכרון בעלמא דאתי! אזא תענוג שטייט פאר מיר, און איך וויל ווייטער אזעלכע נארישע תענוגים, און דאס איז גאר דער היפך דערפון, און אז מען געדענקט דעם זכרון, דעמאלט קען מען זיין פרייליך, איך האב אזא תענוג! און דעמאלט איז מען ממעט פון די זאכענישן - די אלע תענוגים מאכן דעם מענטשן מרה שחורה'דיג - דאס הייסט ישוב הדעת! זיך מיישב זיין, דאס הייסט ישוב הדעת!

# על ידי ישוב הדעת מתקרבין להשי"ת

"דאס וואס די וועלט איז ווייט פונעם אויבערשטן - ווייל זיי זענען ווייט פון ישוב הדעת"![כ"ט] אז דער מענטש קען טוהן אזעלכע נארישקייטן וועלכע זענען דער

---

[כ"ח] עי' ברכות י"ז ע"א.

[כ"ט] ליקו"מ ח"ב תורה י, וז"ל: מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן. וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב, מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף, הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד, וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'.

היפך פונעם תענוג עולם הבא, דער היפך פונעם זכרון בעלמא דאתי - פארוואס טוט ער דאס? ווייל ער האט נישט קיין ישוב הדעת! (ווייל) ער איז זיך נישט מיישב! די גמרא זאגט:[ל׳] 'אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות', ווארום עס קען נישט זיין אנדערש סיידן עס גייט אין אים א רוח שטות! דעמאלט קען ער (טוהן אן עבירה) ווי קען זיין אנדערש?! אז דאס איז אזא מין תענוג עולם הבא, ווי קען זיין?! סיידן - נכנס בו רוח שטות – (דאן) איז נישטא וואס צו רעדן, (עס) איז (א) רוח שטות! אבער טאמער איז ער ביים דעת, קען ער בשום אופן נישט טאן קיין עבירה! דער רבי טאקע פריער (שם תורה ז׳[ל״א]) (זאגט אז) דאס דער וואס ווייס דאס איידלקייט ודביקות פון אידן, (ווייס ער אז) זיי זענען אינגאנצן ווייט - אין עוון שייך להם כלל כלל לא, לגודל קדושתם! נאר וואס דען? זאגט דער רבי ווייטער, זיי פאלן אראפ פונעם דעת! מהיכן באים לעוונות ח״ו? אז דער שורש איז אזוי הייליג, און אזוי דקות׳דיג? דאס איז נאר דורך (דעם) וואס זיי האבן נישט קיין דעת, (דאן) ברענגט דער רבי אויך די גמרא, אין אדם עובר עבירה וכו׳.

ווי קען זיין א מענטש זאל טוהן א עוון? ער איז דאך אזוי הייליג? דקות ורוחניות!

דער תירוץ איז, עס קען נישט זיין, סיידן נכנס בו רוח שטות!

אינגאנצן דער ישוב הדעת (וואס דער רבי לערנט אונז) - דאס איז דער ישוב הדעת, מען דארף זיך מיישב זיין מען זאל נישט צולאזן דעם רוח שטות! איך טוה דאך נאר דערפאר ווייל עס גייט אין מיר אריין א רוח שטות, דערפאר קען איך טאן א זאך וואס איז קעגן דעם רצון פונעם אויבערשטן, זאל מען זיך מיישב זיין, פארוואס?! 'זאלסט נישט אריינלאזן אין זיך דעם רוח שטות!'

ווארום אנדערש קען נישט זיין איך זאל טאן א זאך (נגד רצונו), סיידן נכנס בו רוח שטות.

---

[ל׳] סוטה ג׳ ע״א.

[ל״א] וז״ל: כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל מֵאַיִן הֵם לְקוּחִים, וְיוֹדֵעַ רוּחָנִיּוּת וְדַקּוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל הוּא יוֹדֵעַ, שֶׁיִּשְׂרָאֵל הֵם רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מֵעָווֹן, וְאֵין עָווֹן שַׁיָּךְ לָהֶם כְּלָל כְּלָל לֹא, לְפִי גֹּדֶל קְדֻשָּׁתָם מִשָּׁרְשָׁם וְגֹדֶל דַּקּוּתָם וְרוּחָנִיּוּתָם.

יעדער מאמר חז"ל וואס דער רבי ברענגט אים, ווערט ער אזוי גוט איינגעפאסט! ממש דער פשט דערפון, עס קען נישט זיין אנדערש, (נאר אז) עס גייט אריין אין אים א רוח שטות ווערט ער אפגעריסן פונעם שורש; ווען איז ער ווייט פון א עוון, אז ער האלט זיך מיט זיין שורש, זיין שורש איז לגמרי 'אין עוון שייך להם כלל כלל לא'! דאס איז דער שורש זיינער, אבער אז איך לאז אפ דעם דעת, (דאן) ווערט מען אפגעריסן פונעם שורש, (און עס) קען שוין זיין אז מען זאל טאן אזעלכע זאכענישן, ווייל איך בין אפגעריסן פונעם שורש, בין איך (דאך) אפגעריסן פון מיין אידלקייט, אפגעריסן פון די דקות, (דאן) קען שוין זיין מען זאל טאן אן עוון - אז נישט איז דאך א געוואלדיגע קשיא, איך בין אזוי הייליג, אזוי א געוואלד! 'דקותם ורוחניותם, קדושתם משרשם!' אה.

## די רפואה פון שער החמישים

כי מי שיודע קדושת ישראל מאין הם לקוחים וכו', (איך האב) געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס אז וואו דער רבי ברענגט 'מי' מיינט דער רבי ער האט עס משיג געווען משער החמישים, "דער מי", ער וויים! דער מי ער וויים טאקע! 'מי שיודע', דער מי ער וויים דאס אידלקייט פון א אידן, די דקות פון א אידן. ברענגט דארטן, 'מי ירפא לך'![ל"ב] אלץ וואו ס'שטייט ערגעץ מי מיינט מען אויף דער וואס האט משיג געווען מי, מי איז א לשון 'ווער', 'דער' טאקע! ער וועט דיך, 'דער מי', 'ירפא לך', ער וועט דיך טאקע אויסהיילן, ער וויים טאקע דעם גודל וכו'.

דער רבי האט א זאג געגעבן: "איר ווייסט אייער יצר הרע?! איך וויים אייער יצר הרע!", איך וויים אייער יצר הרע! דער מי ער וויים דאס אידלקייט פון א אידן! דאס

---

[ל"ב] בכוכבי אור - חכמה ובינה יד: בִּינָה הִיא אֲשֶׁר בָּאָה בְּסוֹד "מִי" אֲשֶׁר נֶאֱמַר עַל זֶה (יְשַׁעְיָה י"ד) "ה' צְבָאוֹת יָעַץ וּ"מִי" יָפֵר, "מִי" יִרְפָּא לָךְ וּמֵאֲשֶׁר הִשִּׂיג זֹאת רַבֵּנוּ זַ"ל בִּמְלוּאוֹ דִּמְלוּאוֹ שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִזֶּה, כִּי עַל כֵּן מִלּוּאוֹ דִּמְלוּאוֹ כָּזֶה "מֵם, מֵם, יוּד, וָאו, דָּלֶת" עִם הַתֵּבוֹת וְהַכּוֹלֵל בְּמִסְפַּר "נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה" עִם הַתֵּבוֹת וְעִם שְׁנֵי כּוֹלְלִים הוּא כְּמִסְפַּר "נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה" וְזֶה אֲשֶׁר גַּם כְּתִיבָתוֹ פָּשׁוּט וּמָלֵא כָּזֶה "מִי, מֵם יוּד" (עִם הַב' אוֹתִיּוֹת) בְּמִסְפַּר שְׁמוֹ הַקָּדוֹשׁ נַחְמָן עִם הָאוֹתִיּוֹת:

רוחניות ודקות, און ער ווייס דעם צער פון א אידן וואס פאלט אריין אין אן עוון, ער ווייס, ער ווייס!

דארף מען טאקע וואס מער לערנען זיינע ספרים, וואס דארטן ליגט טאקע - - אז דער צדיק ווייס ליגט דאך די ידיעה אין די ספרים.

# תשובה איז בושה

דער רבי ברענגט אין די תורה פון 'חיים נצחיים' (ליקו"מ ח"ב סי' ע"ב), אז תשובה איז בושה, דאס אליין איז דאך א געוואלדיגע בושה א מענטש פון זיך אליין, געוואלד! איך בין אזוי היילig און אזוי איידל, אין עוון שייך כלל כלל לא, ווי קומט צו מיר נארישע געדאנקען?! ווי קומט עס צו מיר?! און די בושה, אז מען האט טאקע א בושה, זאגט דער רבי אין תורה ל"ח[ל"ג], דער סימן איז אז א מענטש איז דבוק אינעם אויבערשטן, איז תפילין, זאגט דער רבי ווייטער אז תפילין איז בושה!

די רגע וואס דער מענטש איז דבוק אינעם אויבערשטן האט ער בושה, דאס איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן! טאמער לאזט ער אפ, ער שעמט זיך נישט, איז ער נישט דבוק אינעם אויבערשטן.

**כי צריך כל אדם לפשפש את עצמו בכל עת, אם הוא דבוק בהשם יתברך, והסימן** - זאגט דער רבי איז תפילין, זאגט דער רבי ווייטער אז תפילין מיינט מען בושה! דאס איז דער סימן! אז איך שעם זיך פארן אויבערשטן, שעם זיך כאטש, שעם זיך, געוואלד! פארוואס?! פארוואס?! פארוואס זאל איך מאכן אזוי?!

דער אויבערשטער זאגט טאקע אזוי, אותי עזבו מקור מים חיים, לחצוב להם בארות בארות נשברים![ל"ד]

[ל"ג] וז"ל: כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְפַשְׁפֵּשׁ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל עֵת, אִם הוּא דָּבוּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְהַסִּימָן שֶׁל דְּבֵקוּת הוּא תְּפִלִּין, כִּי תְּפִלִּין הֵם סִימָן עַל הַדְּבֵקוּת וכו' אֲבָל אַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, וּמֵסִיר מִמֶּנּוּ הַטִּפְּשׁוּת, וְנִתּוֹסֵף בּוֹ שִׂכְלוֹ. אֲזַי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּיוֹתֵר, וְנִתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו. וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת הוּא בְּחִינַת אוֹר הַתְּפִלִּין, שֶׁנִּתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו בְּמִצְחוֹ. וְעִקַּר הִתְגַּלּוּת הַבּוּשָׁה הִיא בַּמֵּצַח, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָה ג, ג): "וּמֵצַח אִשָּׁה זוֹנָה הָיָה לָךְ מֵאַנְתְּ הִכָּלֵם."

[ל"ד] ירמיה ב, יג.

עס שטייט אין זוהר הק'[ל"ה], רבי אבא האט געזאגט, 'אותי עזבו', אותי מיינט דעם אות ברית, אזוי זאגט דער זוהר הק', אז אותי עזבו, אז מען לאזט אפ דעם אות ברית, קען מען מאכן אזא מין חילוף, נעמען בורות נשברים, און אוועקלאזן דעם מקור חיים.

## השתוקקות להשי"ת תלוי בשמירת הברית

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ל"א, אז די וואס האלטן טאקע ביי דער בחינה פון ברית, גייען ארום מיט אן השתוקקות צום אויבערשטן, האבן זיי אהבה צום אויבערשטן, דאס איז דער מקור מים חיים. דער רבי האט געזאגט טאקע: "איך האב געוואלט איר זאלט ארומגיין אזוי ווי די חיות גייען ארום און ברומען!" דאס איז אז מען האט א השתוקקות צום אויבערשטן, און עס איז נישטא קיין זאך וואס עס זאל אפרייסן די השתוקקות צום אויבערשטן - ווי פגם הברית, דאס רייסט אפ מען זאל נישט האבן קיין בענקאכטס צום אויבערשטן.

און דער איד וואס רייסט זיך טאקע דערצו, האט ער טאקע אן השתוקקות צום אויבערשטן, א בענקאכטס צום אויבערשטן, ער גייט ארום מיט א השתוקקות צום אויבערשטן, איי איי איי.

## איינ'חזר'ן די גרויסקייט פון רבי'נס ספרים

דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט, מיר ווערן אנגערופן אויפן רבי'נס נאמען, און (דער רבי) האט אזעלכע ספרים צוגעגרייט, אט די ספרים קענען מאכן א מענטשן - זיי קענען מאכן אים פאר א מענטש - די ספרים! זיך ארייגלייגן זיך אין די ספרים און מאכן פון תורות תפילות[ל"ו],

מיר אליין דארפן זיך גוט איינ'חזר'ן זיך דאס גרויסקייט פונעם רבי'נס ספרים, דאס גרויסקייט פון לקוטי מוהר"ן, דאס גרויסקייט פון ספורי מעשיות, לקוטי הלכות.

---

[ל"ה] ח"ג רס"ו ע"א.

[ל"ו] כמ"ש בליקו"מ ח"ב תורה כ"ה וּבִפְרָט כְּשֶׁעוֹשֶׂה מִתּוֹרָה תְּפִלָּה, מִזֶּה נַעֲשֶׂה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים מְאֹד לְמַעְלָה. ועיין באריכות בליקוטי הלכות ראש חודש ה'

נאשקע'ס טאטע - (נחמן) רוסישער, זיין טאטע איז געווען א פראסטער מענטש, ער האט געהייסן א בעל תשובה, אבער ער פלעגט נעמען דעם "ספורי מעשיות" און האלטן אט דא, און געלערנט "ספורי מעשיות" און טרערן האבן זיך געגאסן, טייכלעך טרערן האבן זיך געגאסן פון די אויגן, איך וויים צו ער האט געוואוסט?! די אלע זאכן וואס מיר טייטשן האט ער נישט געוואוסט, אינזין האבן א פשט, א רמז, האט ער נישט געוואוסט, ער האט נאר גלעיינט די ווערטער פון ספורי מעשיות (און) האט שוין געגאסן טרערן.

דאס האט דער שווער (ר' אהרן קיבליטשער) דערציילט, אז אין קיבליטש איז געווען איינער, זיין זוהן האב איך געקענט, ער איז געווען א קאָוועגער, א שמיד פון די פערד דארטן, אבער אויף דער עלטער האט ער שוין נישט געארבעט. ער פלעגט אויפשטיין אלע נאכט חצות, און נאך חצות האט ער אנגענומען אויף זיך אן עבודה, קיבליטש איז געווען אן ארימע שטעטל, (פון) ארימע לייט. עס איז געקומען ווינטער (און זיי האבן) נישט געהאט צו הייצן, איז ער ארומגעגאנגען בייטאג, גענומען א פירל, ער האט 'זיך' איינגעשפאנט, ער איז דער פערד, און איז ארומגעגאנגען און געבעטן יעדן טאג, גיט מיר א שטיקל האלץ! אידן האבן אים געגעבן, ער האט גענומען א גאנץ פירל האלץ, אלע נאכט נאך חצות איז ער געגאנגען אין די ארימע הייזער און האט אריינגעווארפן האלץ (כדי) זיי זאלן האבן אויף צו הייצן דעם טאג, זיי האבן שוין געוואוסט די ארימע לייט, זיי האבן געלאזט אפן די טיר, און דער קאוועגער, ער ווארפט אריין האלץ. אזוי איז ער אלע טאג ארומגעגאנגען, דאס איז געווען זיין עבודה נאך חצות, גענומען דאס פירל, זיך איינגעשפאנט, און איז געגאנגען אינמיטן דער נאכט נאך חצות אריינווארפן אין די הייזער אריין די האלץ, (ער האט עס נישט געוואלט טוהן) בייטאג (ווייל) יענער וועט זיך שעמען, שוין - האט ער מיר דערציילט אז דאס איז געווען זיין עבודה, עס איז א גוטע עבודה.

(רנ"ב: ער איז געווען פון אונזערע לייט?) יא, ער איז געווען פון ר' פנחס'נס חברה, נאר ער איז געווען א פראסטער מענטש. האט מיר דערציילט דער שווער, ער פלעגט אמאל זיצן דארטן, (און ווען) מען האט גערעדט, טאמער האט מען אנגעהויבן צו רעדן פונעם רבי'ן און ער האט געוואוסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן, איז נשתנה געווארן פניו, דער איד, אז מען הייבט אן צו רעדן פונעם רבי'ן האט ער שוין אן אנדערן פנים, ער ווייס אז

מען רעדט פונעם רבי'ן, כאטש ער האט נישט געוואוסט וואס מען רעדט פונעם רבי'ן, נאר ער האט געוואוסט אז מען רעדט פונעם רבי'ן, איז (שוין) נשתנה געווארן פניו.

אזא מין אמונה האט ער אינעם רבי'ן, אז ער ווייס נאר אז מען רעדט פונעם רבי'ן איז שוין אן אנדערער פנים! ביים רבי'ן זענען געווען פראסטע אידן וואס האבן אזוי גוט געמאכט, זיי האבן אזוי גוט געמאכט, וואס גדולים ווילן זיך שעמען פאר זיי[ל"ז], די תמימות פונעם רבי'ן וואס זיי האבן ארייינגעברענגט אין זיך, האט אזוי גוט געמאכט, (זיך צו) אויסמאלן אזא מין עבודה, גייט א איד שטייט אויף חצות, נישט יעדער איינער שטייט אויף חצות און נעמט, ער שפאנט זיך איין דארטן, גייט ארום ביינאכט אין קיבליטש, דארטן אין די בלאטעם מיט די שניי מיט די רעגענס.

עס איז דאך א געוואלד, עס איז דאך עפעס כאחד מן הגדולים, עס איז עפעס א קליניקייט?! נעמען ארעמעלייט און זיי אויסהאלטן מיט הייצונג, וואס דאס הייסט! (עס איז) דאך א געוואלד! פארנעמען זיך (מיט) אזא מין עבודה, פון זיך אליין! האט אים עמיצער געהייסן אזוי טאן?! ווער האט אים געהייסן דאס טאן?! דאס תמימות פונעם רבי'נס זאך, קען ארויסרופן אזא מין אמת, אזא מין עבודה וואס גדולים דארפן זיך שעמען דערפאר.

## ר' פייוול-אשרינו

ר' נתן איז נתפעל געווארן פון דעם, 'פייוול מיט אשרינו', (דאס איז) אויך געווען א געוואלדיגע זאך, ער פלעגט אויפשטיין אלע נאכט חצות, אין בית המדרש אין טעפליק, צו ער איז געשלאפן ווייס איך נישט, אפשר איז ער אריין דארטן אפרעכטן חצות, איך ווייס? (ער איז געווען) אן ארימאן (ער האט געהאט) א שטוב מיט קליינע קינדער, עס איז אמאל געווען איין שטיבעלע, מיינסט עס איז געווען דריי שטיבער

---

[ל"ז] בחיי מוהר"ן שטו: שֶׁמַּעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד וְכוּ' וִיקַנֵּא מְאֹד אֶת הַמְקֹרָבִים אֵלָיו מִכָּל שֶׁכֵּן אֶת מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהוֹשִׁיט לוֹ וְכוּ':

(צימערן) אזוי ווי היינט?! אין איין שטיבעלע האט געקענט זיין א פאמיליע פון אכט-צען קינדער. (עס) קען זיין, ער איז אריין אין שול אריין חצות און געטאנצט ארום די בימה אשרינו (השואל: נאך חצות, געזונגען אשרינו?) יא, ער האט געטאנצט ארום די בימה, געגאנגען געטאנצט 'אשרינו', אין טעפליק איז געווען אביסל ליצנות, האט מען אים א נאמען געגעבן 'פייוול אשרינו', מען האט אים גערופן 'פייוול אשרינו'. ווען ר' נתן איז געקומען אין טעפליק איז ער דער ערשטער געקומען צו לויפן - ער איז שוין דא. (ווען ער איז נפטר געווארן - דאס יאר, איז ער דאך נישט געקומען, האט ר' נתן געפרעגט, וואו איז פייוול? האט מען אים געזאגט דארט (שכבר נפטר). האט זיך אנגערופן איינער, פייוול אשרינו? האט ר' נתן פארשטאנען אז ער לאכט, (ענה ר' נתן) - אזוי, אזוי, אזוי?! זאג איך אייך אז זיין עולם התוהו וועט זיין ער וועט אויפשטיין חצות און ער וועט טאנצן אשרינו! און אן אנדערנ'ס עולם התוהו וועט זיין אזוי ווי יענער האט זיך געפירט!

דאס האט געגעבן א גוטן קלאפ יענעם, דו לאכסט?! דו לאכסט דערפון?!

אין טעפליק איז געווען אביסל אזוי מיט ווערטלעך, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט גערעדט פון טעפליק, ווערטלעך, ווערטלעך, עס איז געווען דארט אן אפטייקער, וועלכער איז געווען א גרויסער אפיקורס, ער האט אריינגעבראכט ליצנות אין דער שטאט, ער איז געווען א ליץ.

# דורך השכלה גליטשט מען זיך אויס איינגאנצן

(השואל: ווער איז געווען נחום כאהן?) אויך געווען פון אונזערע לייט, (השואל: פון טעפליק?) יא יא, דער נחום כאהן, ער האט געהאט א געוואלדיגע ברענונג צו קוקן אין השכלה, קוקן אין די ביכער פון השכלה, נאר וואס דען, ער האט געהאלטן פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, ר' אברהם ר' נחמן'ס האט אים גענומען אין דער האנט אריין, און ער האט אים אפגעריסן פון דעם. ער איז געווען א געוואלדיגער כרוך נאך ר' אברהם ר' נחמן'ס, ער איז נפטר געווארן סוכות ביינאכט (ט"ו בלילה), האט ער געזאגט פאר דער פטירה: "צו איך האב געלערנט דעם רבי'נס ספרים וויפיל איך האב באדארפט, ווייס איך נישט; נאר דארטן וואו דער רבי האט געהייסן נישט קוקן, האב איך נישט געקוקט!" (נאך דעם וואס ער האט אויפגעהערט) האט ער זיך מחיה געווען פאר דער פטירה ,וואס ער

האט נישט געקוקט וואו דער רבי האט געהייסן נישט קוקן. די השכלה איז דאך אן אבן נגף[ל"ח], עס איז אן אבן נגף, נאך דעם רח"ל וואס מען פאלט אריין, קען מען נישט ארוים[ל"ט], ער קען נישט האבן קיין גלייכע אמונה, די השכלה מאכט קאליע די אמונה, אפילו ער איז נישט אזוי ווייט ער זאל (פורק זיין אינגאנצן), ער לייגט טלית ותפילין און דאוונט און לערנט, אבער עס איז נישט גלייך, עס איז פארקרימט. זאגט דאך אסף, "כמעט נטיו רגלי"[מ'], נאך אביסל גליטשט ער זיך אוים אינגאנצן, זאגט דער רבי דארטן (ליקו"מ תורה י'[מ"א]) "רגלי עמדה במישור"[מ"ב], דאס הייסט אמונה, מיין פוס שטייט גלייך, און 'כמעט נטיו רגלי' דאס הייסט א פגם אמונה. זעהען מיר דאך אז דער מענטש שטייט נישט גלייך! ער גליטשט זיך, ער שטייט נישט גלייך, עס איז אן אבן נגף!

וואס איז השכלה? ער וויל גיין מיט'ן שכל, ער הייבט אן צו רעדן דארטן - אין די קאפיטל דארטן - נאר זיי גייט גוט 'אך ריק זכיתי לבבי', איך מאטער זיך און עס איז לריק, און אים גייט אזוי גוט, 'עברי משכיות לבב', וויפיל ער וויל האט ער נאך מערער, און - 'כמעט נטיו רגלי', נאך אביסל גליטשט ער זיך אוים, עס איז אריין א געדאנק פון השכלה.

די ספרים וואס דער רבי האט געהייסן נישט קוקן דארטן, כאטש אז זיי ענטפערן תירוצים, איז די קשיא גייט אריין אזוי פיל אין מח, אז דער תירוץ העלפט נישט, תירוצים העלפן נישט! זיי ענטפערן תירוצים, און די קשיא גייט אריין אין מח, אז דער תירוץ העלפט שוין נישט, דאס איז די השכלה, נאכדעם זאגן זיי תירוצים תירוצים,

---

[ל"ח] כמבואר בתורה י"ט ח"ב ע"ש באריכות.

[ל"ט] משלי ב, יט.

[מ'] תהלים עג, ב.

[מ"א] "רַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר", שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה. כִּי הַמִּינוּת הִיא בְּחִינַת נָטָיוּ רַגְלָי, כְּמַאֲמַר אָסָף (שָׁם ע"ג): "כִּמְעַט נָטָיוּ רַגְלָי", שֶׁנֶּאֱמַר שָׁם עַל שֶׁהִשִּׁיאוֹ לִבּוֹ לְמִינוּת, כַּמְבֹאָר שָׁם; "וְרַגְלִי עָמְדָה בְמִישׁוֹר" מוֹרֶה עַל אֱמוּנָה.

[מ"ב] שם כו, יב.

(אבער) די קשיא בלייבט[מ"ג], דער תירוץ קען נישט בשום אופן ארויסטרייבן די עקמימות וואס איז געווארן פון די קשיא, וואויל איז טאקע דעם וואס ער קוקט נישט אינגאנצן.

איך וויל נישט די תירוצים און איך וויל נישט די קשיא, עס איז מיר נישט קשה, דארף איך נישט די תירוצים, (רנ"ב: דער רבי האט טאקע געזאגט, לאמיר עמיצער זאגן א תירוץ!) יא, לאמיר זאגן א תירוץ![מ"ד]

# א יונגערמאן דארף שרייען און שרייען

(השואל: מען האט אמאל ארויסגעווארפן ר' ברוך געצע'ס פון שול?) נישט ארויסגעווארפן, מען האט אים אמאל אנגענומען, געשלעפט, געשלעפט, (השואל: ווייל ער האט געשריגן צו הויך?) יא ער האט געדאווענט גאר הויך (השואל: און ר' אברהם ר' נחמן'ס האט גארנישט געזאגט?) בשעת מעשה האט ער גארנישט געזאגט, ער איז אריינגעגאנגען צו אים אין חדר, האט ער אים געזאגט: "א יונגערמאן דארף שרייען און שרייען צום אויבערשטן" (שאל ר' ברוך:) "ר' אברהם, פארוואס האט איר געשוויגן? (האט ר' אברהם געענפערט:) "דו ווייסט דאך ווען איך רעד מיט דיר" (שצריכים לצעוק).

# אז מען איז נישט מבין דבר מתוך דבר קען עס זיין א קאמעדיע

דער אמת'ער בן מלך, ער האט געהאט די כלי וואס ווען מען לייגט עס ארויף אויף די בהמה, שפילט זי דעם שיינעם ניגון[מ"ה]. פארוואס האט ער געדארפט א מבין דבר מתוך דבר? ער האט דאך שוין די כלי? וואס דארף מען האבן בעסער? די כלי קען ער אוועקלייגן אויף א בהמה און זי שפילט דעם שיינעם ניגון! דער תירוץ איז, אפילו מען האט די כלי דארף מען זיין א מבין דבר מתוך דבר, און אויב נישט, קען מען מאכן א קאמעדיע דערפון, מען קען נעמען אינגאנצן דאס התקרבות פונעם רבי'ן און מאכן א

[מ"ג] ראה מש"כ בחיי מוהר"ן - אות כה: בִּשְׁבִיל זֶה אָסַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לְעַיֵּן אֲפִלּוּ בִּסְפָרִים שֶׁל הַמְחַקְּרִים הַכְּשֵׁרִים מֵחֲמַת שֶׁמְּבִיאִין קֻשְׁיוֹת חֲזָקוֹת גְּדוֹלוֹת עַל דַּרְכֵי הַשֵּׁם וּמַאֲרִיכִין בְּקֻשְׁיָתָם, וְאַחַר כָּךְ רוֹצִין לְתָרְצָהּ וְהַתֵּרוּץ חָלוּשׁ מְאֹד וּבְנָקֵל לְסָתְרוֹ. וְעַל כֵּן מִי שֶׁמְּעַיֵּן בָּהֶם וְרוֹצֶה לְתָרֵץ הַקֻּשְׁיוֹת עַל יְדֵי שֵׂכֶל יוּכַל לָבוֹא לְאֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל, כִּי מֵבִין אַחַר כָּךְ שֶׁהַתֵּרוּץ אֵינוֹ כְּלוּם וְנִשְׁאָר בְּקֻשְׁיָא, עַל כֵּן אָסוּר לְעַיֵּן בָּהֶם כְּלָל רַק לִסְמֹךְ עַל אֱמוּנָה לְבַד.

[מ"ד] בחיי מוהר"ן שם

[מ"ה] סיפורי מעשיות מעשה י"א.

קאמעדיע; אויב איך בין נישט א מבין דבר מתוך דבר וועל איך נעמען די כלי און מאכן א קאמעדיע דערמיט. קומט דאך פון דאנעט אויס, אז ווען ער האט געהאט דעם מבין דבר מתוך דבר, האט ער נישט אוועקגעגעבן, כאטש ער האט דאך אוועקגעגעבן די כלי?! אבער ער האט נישט אוועקגעגעבן די כלי, עס הייסט נישט אוועקגעגעבן די כלי, עס איז נישט איך געב אוועק, איך האב זי נישט, עס איז אן אנדערער סארט אוועקגעבן, ער גיט אוועק אינגאנצן זיך, און זיין כבוד גיט ער אוועק, כדי צו זיין א מבין דבר מתוך דבר, אבער דעמאלט באקומט ער זי.

א סימן האבן מיר - ווייטער דער רבי ברענגט דארטן - די שטול, האט ער געזעהן אז די שטול איז פון דעם אייגענעם האלץ פון די כלי, אה, האט ער דאך יא געהאט די כלי, נאר דעמאלט האט ער שוין נישט געמאכט פון די כלי קיין קאמעדיע, (נאר) פריער, איידער ער איז א מבין דבר מתוך דבר, אבער וואס וועט ער דען טאן מיט די כלי? דו וועסט נעמען א גילדן, דו וועסט מאכן א קאמעדיע, וואס וועסטו טאן מיט די כלי? עס איז אזוי! מען קען נעמען דעם רבי'נס דעת, מען קען דארטן (טרעפן) שיינע תורות, און מען קען מאכן א גילדן און מאכן א קאמעדיע, אבער אז ער איז א מבין דבר מתוך דבר, דעמאלט קען ער שוין האבן די כלי, זעהט ער שוין אז די שטול איז פון דעם אייגענעם האלץ פון די כלי (און) ער קען צונויף שטעלן די שטול, ער איז געווארן א מלך אויף דער גאנצער וועלט, אפגענומען די מלוכה, און האט נישט געמאכט קיין קאמעדיע.

## ריכטיגע ריקודים - נשא לבו את רגליו

(אחד שואל על אופן הריקודים) **טאנצן איז הויבן זיך, 'עולה ויורד'![מ"ו] ומשה עלה[מ"ז], וירד ה'[מ"ח], מען הויבט זיך! מען הויבט זיך און מען לאזט זיך אראפ!**

---

[מ"ו] שיחות הר"ן פ"ו.

[מ"ז] שמות יט, ג.

[מ"ח] שם, כ.

**אז ער שלעפט די פיס, ער טאנצט, דאס הייסט געטאנצט?! געטאנצט הייסט טאקע הויבן די פיס און אראפלאזן,** (רנ"ב: געהאפקעט! וואס הייסט דאס געהאפקעט? האפען איז מער ווי טאנצן?!) **יא, האפען הייסט געהאפעט, געהויבן די פיס,** (רנ"ב: מיר האבן געהאפעט אין א קרעטשמע שטייט!) **יא, יא.**[מ"ט]

(רמ"ב: אין אומאן האט מען געטאנצט ממש שטארק - הויך?) **דעמאלט ווען מען האט געטאנצט - האט מען געטאנצט! דעמאלטס ווען נישט - האט מען געשלעפט די פיס, עס זענען געווען צייטן וואס מען האט געטאנצט!**

(רמ"ב: און מען האט נישט געשריגן אויף זיי אז זיי שטערן?) **געשריגן?!** (רמ"ב: ס'איז דא אזעלכע וואס טענה'נען אז דו ווילסט האפען - האפע באזונדער, וואס דארפסטו שטערן אנדערע?!)

**הער זיך איין, מיר רעדן וואס הייסט טאנצן, טאנצן זאגט דער רבי 'ומשה עלה', 'וירד ה'', דאס הייסט טאנצן, ארויף - אראפ, דאס הייסט טאנצן. אז עס טאנצט זיך נישט, שלעפ איך די פיס. אבער טאנצן הייסט טאקע הויבן די פיס. דער רבי ברענגט טאקע אין תורה י'**[נ'], **'וישא יעקב רגליו'**[נ"א], **ער האט אויפגעהויבן די פיס, 'לבו נשא את רגליו'**[נ"ב], **די הארץ הויבט די פיס, די פיס הויבן זיך, דער רוח האט אריינגעבלאזן אין די הענט און אין די פיס, מיט די הענט פלעטשקענען. אז דער רוח בלאזט אריין אין די הענט אריין, גייען זיך צונויף ביידע הענט; אז דער רוח בלאזט אריין אין די פיס, הויבן זיך די פיס! אז די פיס הויבן זיך נישט - האט עס נאך נישט אריינגעבלאזן!**

---

[מ"ט] בעלים לתרופה ער"ש בלק ת"ר: און טאקֶי פָּארְט הָאבּ מִיר הָאבְּן גִיהִיפֶּיט אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶי בְּשַׁבַּת פָּרָשַׁת חֻקַּת הֶעָבַר עִם כַּמָּה אוֹרְחִים מִקְּרֶעמִינְיץ וְרַאדִיוִויל. וְכֻלָּם רָקְדוּ עִם רַבִּי נַחְמָן בְּאַהֲבָה וְשִׂמְחָה רַבָּה וְצָעֲקוּ בְּשִׂמְחָה בְּךָ בָּטְחוּ אֲבוֹתֵינוּ בָּטְחוּ וַתְּפַלְּטֵימוֹ. אֵלֶיךָ זָעֲקוּ וְנִמְלָטוּ וְכוּ'. גָּדוֹל אֲדוֹנֵנוּ וְרַב כֹּחַ, וְכֻלָּם הֶחֱזִיקוּ לָנוּ טוֹבָה אַחַר כָּךְ עַל זֶה. הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְשַׂמַּח נַפְשֵׁנוּ תָּמִיד בִּישׁוּעָתוֹ:

[נ'] וז"ל: וְזֶה בְּחִינַת רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף. כִּי רִקּוּדִין וְהַמְחָאַת כַּף נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב, כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ, כִּי עַל יְדֵי שִׂמְחַת הַלֵּב הוּא מְרַקֵּד וּמַכֶּה כַּף אֶל כַּף; וְכַמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים (תִּקּוּן כא נ"א): 'וְהַאי רוּחָא נָשֵׁב בְּשִׁית פִּרְקִין דִּדְרוֹעָא וּבְשִׁית פִּרְקִין דְּשׁוֹקִין', וְהִיא בְּחִינַת הַמְחָאַת כַּף וּבְחִינַת רִקּוּדִין. וְזֶהוּ בְּחִינַת: "לִבּוֹ נָשָׂא אֶת רַגְלָיו" (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, וַיֵּצֵא, פָּרָשָׁה ע' סי' ח'), הַיְנוּ עַל יְדֵי הָרוּחַ שֶׁבַּלֵּב בָּאִים הָרִקּוּדִין.

[נ"א] בראשית כט, א.

[נ"ב] עי' רש"י שם.

(השואל: דער רבי זאגט אויף א פלאץ מען זאל מאכן קפיצות!) **יא, שפרינגען!**[נ"ג] **עס איז איין זאך, אז איינער וועט דארטן - אין די הלכה פון שבת דארטן**[נ"ד]**, ס'איז א ברייטע דאס** (גרוב) **צו ער זאל גיין ארום און ארום, צו ער זאל איבערשפרינגען, ער מוז דאך געבן א שפרינג אריבער, אז ער וועט נישט וועלן הויבן די פיס, וועט ער אריינפאלן אין גרוב אריין און שוין, מוז ער דאך געבן א שפרינג אריבער.**

(שואלים: עס זענען דא וואס זאגן מען זאל שפרינגען ביי זיך אין שטוב, און עס זענען דא אזעלכע וואס עס שטערט זיי, זיי ווילן האבן ישוב הדעת ביים טאנצן).

**קען זיין אז דער דאזיגער וואס דער רוח הצדיק בלאזט טאקע אין אים אריין, אויף דעם שרייט מען נישט.**

(רמ"ב: אבער אלע מתנגדים האבן געשריגן אויף אמת'ע עובדי השם אויכעט. רבי נתן ברענגט אין א הלכה 'די אלע מתנגדים וואס שרייען אויף בני הנעורים וואס שרייען ביים דאווענען, קומען פון אלפין נפולין', דארטן אין הלכות ברכת המזון ומים אחרונים.[נ"ה] אין אנדערע פלעצער ווייזט אויס אז מען האט געשריגן אויף אמת'ע עובדי השם אויכעט, און דער רבי ברענגט, איר האט געזאגט תורה נ', עזי פנים וואס שטערן, זיי זענען די כלבים) **יא יא.**

(רנ"ב: און דארטן אין זאסלאב ביי די ספירה, זיי האבן געשריגן דארטן[נ"ו]!)

(חסר)

**עס איז נישט קיין נייעס, אלע יארן, דער עיקר איז דער אויבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל מיינען מיט אמת.**

(רמ"ב: ר' נתן'ען האט מען אויך ארויסגעטריבן פון שול) **יא יא אוודאי, וואס דען?!**

---

[נ"ג] בתורה מ"ח תנינא וְיִשַׂמַּח עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, וַאֲפִלּוּ עַל יְדֵי מִלֵּי דִּשְׁטוּתָא, לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה וְלַעֲשׂוֹת עִנְיְנֵי שְׁטוּת וּצְחוֹק אוֹ קְפִיצוֹת וְרִקּוּדִים, כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה, שֶׁהוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד:

[נ"ד] שו"ע או"ח סי' ש"א סעי' ג'. וז"ל: היה הולך והגיע לאמת המים יכול לדלגו ולקפוץ עליה אפילו אם היא רחבה שאינו יכול להניח רגלו ראשונה קודם שיעקור שנייה, ומוטב שידלג ממה שיקיפנה מפני שמרבה בהלוך וכו'.

[נ"ה] הלכה ה'.

[נ"ו] עיין שיש"ק הנדמ"ח סימן פ"ד.

# סוכה - תפילה בכח

אין די תורה מ"ח[נ"ז] זאגט דער רבי דארטן, תפילה בכח איז סוכה. רבי נתן האט דערציילט דעם רבי'ן אז ער האט נישט געהאט וואו צו דאווענען (און) ער האט געמוזט דאווענען אין סוכה, מען האט אים ארויסגעטריבן פון דער שול, 'תפילה בכח' האט ער געדאווענט אין סוכה, דער רבי רעדט דארט, סוכה איז תפילה בכח!

(אחד הנוכחים: אז מען טרייבט ארויס איז אויכעט א תורה!) פון דעם ווערט א תורה!

דא איז געווען אמאל וואס איינער האט אנגענומען שמואל שפירא'ן ער האט אים ארויסגעטראגן אינדרויסן, שמואל האט געשריגן ביים דאווענען! (רמ"ב: אין אייער צייטן נאך?) ניין, די חברה דערציילן.

(רנ"ב: איז געווען אמאל א פורים וואס איז געפאלן ערב שבת פארנאכט, ביי קבלת שבת האט זיך ר' שמואל צולאזט, געכאפט דעם לקוטי תפילות און געזאגט די תפילה ל"ו, 'מפחד אויב תיצור חיי' האט ער געמאכט קולות! איז צוגעגאנגען ר' נפתלי בערנשטיין, ר' דוד בערנשטיין'ס פאטער: 'שמואל האב רחמנות, מען דארף מקבל שבת זיין', זאגט ער: 'האב רחמנות אויף מיר, איין מאל א יאר' - - - אזוי געשריגן די תפילה, ער האט געמאכט קולות, ער איז אהיים געגאנגען עפעס גאר שפעט).

איך האב שוין געזעהן שמואל'ן, פרייטיג איז געווען פורים - מאכט זיך דא - איז ער געווען שטארק שטארק שיכור, שטארק בגילופין, און ער גייט דאך תמיד באלד אחר חצות אין מקוה, דער רבי איז דאך אויך געגאנגען אזוי[נ"ח] – ער איז שוין אין מקוה.

(השואל: ר' אברהם שטערנהארץ פלעגט שרייען און פאטשן?)

(רנ"ב: ביי שמונה עשרה פלעגט ער אלעמאל קוויטשקעווען, פאטשן אביסעלע, אזוי פאמעלאך, אזוי שטיל) ווען מיינסטו, בתפילת לחש? (רנ"ב: בלחש!) דאס איז געווען אויף דער עלטער - קען זיין.

---

[נ"ז] וז"ל: וְהִיא בְּחִינַת סֻכָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים קלט, יג): "תְּסֻכֵּנִי בְּבֶטֶן אִמִּי". וְהִיא בְּחִינַת כֹּחַ הַתְּפִלָּה מַה שֶּׁמִּתְפַּלְּלִין בְּכֹחַ, "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה" וְכוּ' (תְּהִלִּים לה, י). וְהוּא בְּחִינַת סֻכָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב י, יא): "בְּגִידִים וַעֲצָמוֹת תְּסוֹכְכֵנִי". כִּי כֹּחַ שֶׁאָדָם מַכְנִיס בַּתֵּבוֹת, הֵם כ"ח אַתְוָן דְּעֻבְדָּא דִּבְרֵאשִׁית, שֶׁבָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם. וַעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שֶׁבָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם (אָבוֹת פ"ה מ"א).

[נ"ח] בחיי מוהר"ן קפ"ה שֶׁדַּרְכּוֹ הָיָה תָּמִיד לֵילֵךְ לַמֶּרְחָץ סָמוּךְ אַחַר חֲצוֹת.

# דער לעצטער קלויז אין אומאן

(רמ"ב: די שול וואס מען האט געבויעט אין אומאן - דעם לעצטן קלויז, האט מען געבויעט בקדושה מיט כוונות?) **נו נו?** (רמ"ב: איך פרעג) **ווער זאגט?** (רמ"ב: אזוי האב איך געהערט, עס איז געווען נאר אידישע ארבייטער?) **יא יא, דאס יא. צוטראגן די שטיינער צום** (בנין)**. דארטן האבן יא געארבעט גוים, ביים האקן די שטיינער, זיי האבן געארבעט פון דערוויטנס, אבער צוטראגן דעם שטיין צו דער שול איז נאר געווען אידישע ארבייטער.** (אזוי אויך) **ארבעטן ביי דער שול אליין, האבן געארבעט נאר אידן! ער איז דאך געווען דער 'בוי-מייסטער' נפתלי, ר' נפתלי כהן,** (השואל: זיי זענען געגאנגען אין מקוה אויך?) **דאס ווייס איך נישט!** (השואל: פרומע אידן?) **אידן, ארבייטער! איך ווייס?!**

**ווייסט פון וואנעט ער קומט אהער צו נפתלי כהן? פון א גלח...**

(רנ"ב: עס איז געווען, דער ראש העיר איז געקומען באזוכן די שול, ער האט געהערט צום ערשטן מאל אז מען קען בויען אן עמודים, אן גארנישט! אינמיטן איז נישט געווען קיין עמודים). (השואל: ווי אזוי איז דאס טאקע – עס איז געווען שטארק?) **אן אידישע חכמה געווען אונזער שול! אן עמודים.**

**אונזער שול** (בירושלים) **האט עמודים? אזא הויך און אזא לענג האט עמודים!** (השואל: עס איז ספעציעל געמאכט אזוי?) **אוודאי, דער דאך קאסט אסאך טייערער** (רנ"ב: דער דאך איז געשלאסן).

(רנ"ב: דער עיקר, דער ראש העיר האט געפרעגט ווער איז דאס געווען, איז ער געוואויר געווארן אז ר' נפתלי איז עס, איז ער געקומען צו אים, דער גלח צו ר' נפתלי'ן, - ער האט געוואוינט אין בארדיטשוב - צו ער האט געשיקט שלוחים, און האט אים געזאגט, ער באצאלט אים וויפיל ער וויל, ער זאל אים אויסבויען אזא קלויסטער. ער האט געזעהן אז ער קען זיך נישט אפטשעפען, האט ער געמאכט די פליטה און איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל).

(השואל: איר האט געקענט ר' נפתלי כהן נאך אין חוץ לארץ?) **ניין,** (און דא הי?) **ער איז נפטר געווארן תש"ו, איך בין געקומען תש"ט** (השואל: און ר' נתן בייטעלמאכער האט איר יא געקענט?) **יא, פון דאנעט.**

# פשוט פשט - שאקלען מיט די פיאות

(השואל: וואס איז פשט, 'ויש לפעמים שאיזה פחות שבישראל עושה נענוע עם הפאה שלו' (תורה י"ז)?) א שאקל מיט די פאה! פארוואס דארפסטו זוכן פשטים?! זאג בתמימות! וואס דארפסטו זוכן פשטים? ער גיט א שאקל מיט די פיאות - דער אויבערשטער האט א נחת רוח! דארפסט זוכן פשטים דא?! זאג בתמימות - ער גיט א שאקל מיט די פיאות - האט דער אויבערשטער א נחת רוח, שוין, מאכן דערפון אן אנדערער פשט?!

(רנ"ב: ר' אברהם שטערנהארץ האט געזאגט אזוי, ער פלעגט לערנען, א שאקל מיט די פאה, נאכדעם האט ער געזאגט אז אין רבי'נס ווערטער קען מען מרמז זיין נאך א זאך, אז אפילו א איד וואס האט נישט קיין פיאות! האט ער געזאגט, 'ער גיט א שאקל מיט א ברעקעלע אידישקייט', נישט אז דאס איז דער פשט, איך האב עס געהערט פון אים אסאך מאל) יא יא, עס איז א גוטערווארט, אבער דער פראסטער פשט איז, ער גיט א שאקל מיט דער פאה! שוין, (ווען) דו גיסט א גוטן גיי (דאן) שאקלט זיך די פאה, האט דער אויבערשטער א נחת רוח דערפון.

דער אויבערשטער האט א נחת רוח פון דיין שאקלען, גיי בתמימות ובפשיטות! דו ביסט נישט - - פון דיין שאקלען האט ער א נחת רוח.

*

(השואל: ר' נתן האט געזאגט פאר ר' נחמן טולטשינער אז בשעת ער פארט אוועק זאל מען נישט אריין גיין צו אים אין שטוב?) נישט נאר צו אים, ער האט אנגעזאגט מען זאל זיך נישט דרייען אין שטוב.

איך האב געהערט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס אז ער האט געזאגט צו דער שוועסטער רחל, "מנע רבים מתוך ביתה[נ"ט]"! (רמ"ב: וואס מיינט מנע רבים מתוך ביתה?) אז ר' יחיאל איז נישטא, זאל זי נישט לאזן מען זאל זיך דרייען אין שטוב.

[נ"ט] ע"פ סנהדרין ק ע"ב

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **שמואל דוד ראפאפארט** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
כמר **אברהם נח** נ"י
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **מאיר טייטעלבוים** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**נישואי בנו למזל טוב**

מוה"ר **יהושע משה ליבערמאן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **חיים משה האס** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת
**נישואי בתו למזל טוב**

מוה"ר **ישראל הכהן שווארץ** הי"ו
ולאביו מוה"ר **אברהם משה הכהן** הי"ו
ולחותנו מוה"ר **משה יצחק שטיינער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת
**הולדת בתו - נכדתם למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה